**אויף תיכף ארויסצוגעבן: 1/5/2022** **גאווערנאר קעטי האקול**

**באמערקונגען ווי פארגעגרייט: גאווערנער האקול גיבט 2022 סטעיט אָוו דע סטעיט רעדע**

***״נייע תקופה פאר ניו יארק״ אנטהאלט 228 דרייסטע אונטערנעמונגען אונטערצוציגדן ניו יארק׳ס אומקער***

***10 ביליאן דאלערדיגע העלטקעיר פלאן וועט איבערבויען און וואקסן ארבעטסקראפט, געבן דירעקטע באצאלונגען פאר ארבעטער***

***גרויסע עטיקס רעפארמען וועלן איינצוימען גאנץ-סטעיט׳יגע ערוועהלטע באאמטע אויף צוויי טערמינען, פארבאטן אינדרויסנדע איינקונפט און ערזעצן JCOPE מיט נייע זעלבסטשטענדיגע עטיקס אגענטור***

***ביליאן דאלערדיגע רעטונגס פלאן וועט העלפן קלענערע ביזנעסער זיך אומקערן, מיטל-קלאס שטייער פארלייכטערונג וואס וועט אונטערהייבן מיליאנען ניו יארקער***

***אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען וועלן פארברייטערן טראנזיט אין ניו יארק סיטי און פירן דעם לאנד אין קלימאט אקציע***

**סטעיט אָוו דע סטעיט בוך צו באקומען [דא](#)**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט איבערגעגעבן איר 2022 סטעיט אָוו דע סטעיט רעדע אין וועלכע זי האט אויסגערעכנט איר פלאן פאר א נייע תקופה פאר ניו יארק. אין דער רעדע האט גאווערנער האקול אויסגערעכנט ניין הויפט שטאנדטיילן פון איר אגענדע: איבערבויען אונזער העלטקעיר עקאנאמיע, באשיצן פובליק זיכערהייט און נעמען שטארקע שריטן קעגן גאן שיסערייען, אינוועסטירן אין ניו יארקער איינוואוינער, אינוועסטירן אין ניו יארקער קאמיוניטיס, מאכן ניו יארק׳ס האָוזינג סיסטעם מער צוגענגליך, גלייך פאר יעדן, און סטאביל, מאכן ניו יארק א נאציאנאלע פירער אין קלימאט אקציע און גרינע דזשאבס, איבערבויען ניו יארק׳ס לערער ארבעטסקראפט און איבערמאכן די העכערע עדיוקעישן, פאראויס-פירן ניו יארק׳ס פאזיציע אלס א מוסטער פאר׳ן לאנד אין גלייכקייט פאר יעדן, און מאכן קריטיש-וויכטיגע ענדערונגען אויף צוריקצושטעלן ניו יארקער׳ס צוטרוי און באגלייבטקייט אין זייער רעגירונג.

*די גאווערנער׳ס פארגעגרייטע באמערקונגען געפונען זיך אונטן:*

א דאנק אייך, ליוטענאנט גאווערנער. איר טוט שוין אויסגעצייכנטע ארבעט אין אזא קורצע צייט און איך בין שטאלץ אייך צו האבן שטיין ביי מיר צו דער זייט בשעת מיר שטעלן צו פאר ניו יארקער איינוואוינער.

איך וויל אויך דאנקען מיינע צוזאמענארבעטער אין רעגירונג. סטעיט קאמפטראלער טאָם דינאפאלי, סטעיט אטוירני גענעראל טיש דזשעימס, סענאט מאיאריטעט פירער אנדרעא סטוערט-קאזינס,

אסעמבלי מאיאריטעט פירער קריסטאל פעאפלעס-סטאוקס, און איך האף אז ספיקער פון דער אסעמבלי קארל היעסטי ערהוילט זיך אין גיכן.

און א דאנק אייך צו פאסטאר סאלאמאן דיס און צו אלי נאווארעט, פאר אזוי פיין פארטרעטן די גירל-סקאוטס.

אזוי ווי איך שטיי היינט פאר אייך בין איך וואויל באוואוסטזיניג איבער דער באדייט פון דעם מאמענט: צום ערשטן מאל אין ניו יארק׳ס היסטאריע וואס א פרוי גיבט דער יערליכער רעדע. איך בין אבער נישט געקומען דא היינט צו מאכן היסטאריע. איך בין געקומען צו מאכן א דיפערענץ.

עס איז אבער זיכער אז איך האב גרויס כבוד פאר אונזער סטעיט׳ס מערקווירדיגע פארגאנגענהייט. און מיר טוען עס פארעהרן דורך זיך צונויפקומען אין דעם הערליכן אסעמבלי קאמער, איר ארגינעלע און פאסיגער ארט מיט ערוויילטע פירער וואס קומען זיך צוזאם אויף צו דינען דעם פובליק.

איך האב ליב נאכצוזאגן א געוועזענער מיטגליד פון דעם קערפערשאפט, דער אמאליגער גאווערנער טעדי רוזוועלט, וועלכער האט געזאגט: ״עס איז נישט דער קריטיקירער וואס מאכט אויס. קרעדיט קומט פאר דער מאן — אדער, ס׳איז כדאי צו זאגן, די פרו — וואס געפונט זיך למעשה אין דער ארענא.״

צו מיינע קאלעגעס און צוזאמענארבעטער אין רעגירונג, שוין צופיל יארן וואס אלבאני׳ס עקזעקיוטיווע און לעגיסלאטיווע צווייגן קריגן זיך איינער מיט׳ן אנדערן אין יענעם ארענא. דאס וועט מער נישט אזוי אנגיין. דאס ענדיגט זיך יעצט.

וואס איך טו פארשלאגן איז א גענצליך נייער תקופה פאר ניו יארק. די צייטן פון גאווערנערס וואס קימערן זיך גארנישט מיט דער בארעכטיגטע ראלע פון דעם לעגיסלאטור זענען שוין פארביי. די צייטן פון ווען דער גאווערנער פון ניו יארק און דער מעיאר פון ניו יארק סיטי פארברענגען די צייט מיט נארישע קריגערייען זענען שוין פאריבער. די צייטן אין וועלכע ניו יארקער פרעגן צי זייער רעגירונג ארבעט פאר זיי למעשה איז שוין אין דער פארגאנגענהייט.

און די צייטן פון דריי מענער אין א פארשלאסענע צימער זענען שוין זיכער אריבער — פרעגט נאר ביים מאיאריטעט פירער.

מיר ווייסן אז פרויען ווערן שטענדיג געהאלטן צו א העכערן סטאנדארט. דערפאר ווייס איך אז איך מוז נישט בלויז נאכקומען נאר אויף איבערשטייגן ערווארטונגען, אויף כדי דאס זאל נישט זיין מער בלויז א היסטארישער דערגרייכונג נאר דאס זאל ווערן נארמאל. דערפאר וועלן מיר טון אויף אן אנדערן אופן. פון איצט אן, וועלן מיר זיך מיטטיילן אין סוקסעס. מיר וועלן טרעפן דאס וואס מיר ווילן אלע צוגלייך. מיר וועלן צוריקשטעלן צוטרוי אין דעם רעגירונג, ווייל עס איז שוין אויף צו לאנג אפגעשוואכט געווארן. און מיר וועלן קעמפן מיט אלע כוחות — נישט פאר שטח אויף צו הערשן און נישט פאר קרעדיט — נאר פאר ניו יארקער.

איך בין שטאלץ געווען צו שטיין מיט די מיטגלידער פון דער לעגיסלאטור, אונטערצושרייבן איבער **400** פון אייערע בילס אלס געזעץ זינט סעפטעמבער. און דאס איז בלויז דער אנהויב.
ניו יארקער דארפן די הילף פון יעדן איינעם אין דעם צימער אויף דורכצופירן אן אמביציעזער אגענדע. אזאנס וואס רופט זיך אפ צו דעם קאָוויד-19 פאנדעמיק און וואס טוט אבער אויך איבערבויען אונזער העלטקעיר און לערער ארבעטסקראפטן, גיבט שטייער פארלייכטערונג פאר די וועלכע נייטיגן זיך דערין די מערסטע, פארשנעלערט עקאנאמישע וואוקס און שאפט גוט-באצאלטע, מיטל-קלאס דזשאבס, פארשטערקערט אונזער אינפראסטרוקטור און שטעלט פאר ווידערשטאנד צו קלימאט ענדערונג,

פארזיכערט פובליק סעיפטי, מאכט האָוזינג מער צוגענגליכע, פארזיכערט אז יעדער ניו יארקער האט א דאך איבער'ן קאפ און פירט איין דרייסט רעפארמען פאר אונזער סטעיט רעגירונג.

מיינע ניו יארקער מיט-בירגער: די אגענדע איז פאר אייך.

יעדע איינציגע אונטערנעמונג ווערט דורכגעפירט דער וויכטיגער פראגע, וויאזוי וועט עס העלפן פאר אייך און אייערע פאמיליעס. איך ווייס איר זענט אויסגעמאטערט, איך ווייס אז איר ווילט דער פאנדעמיע זאל שוין זיין פאריבער, איך ווייס איר זענט באזארגט איבער דער עקאנאמיע, אינפלאציע, אייערע קינדער און זייער בילדונג און וואס עס ווארט אייך אפ אין דעם עתיד.

מיר האבן מיטגעמאכט אזויפיל שוועריגקייטן איבער די פארלאפענע צוויי יאר. מיר האבן באערדיגט נאענטע און באליבטע, דורכגעלעבט אויפטרייסלענדע איבערקערענישן אין אונזערע טאג-טעגליכע לעבנס, און פארפאסט אויף אזוי פיל פון די טייערע מאמענטן וואס דאס לעבן גיבט — האָלידעיס, חתונות, גראדואירונגען, דאס געבורט פון אן אייניקל.

מיר האבן אזוי פיל פארלוירן — צופיל לעבנס, און צופיל פון אונזערע האפענונגען און שטרעבונגען. און איצט, פונקט ווען מיר האבן געמיינט אז מען מישט איבער א נייער בלעטל, קומט אן א נייע ווערייענט. נאך אן אנפלייץ פון קעיסעס. עס שפירט זיך כאילו אלץ חזר'ט זיך איבער נאכאמאל.

און איך ווייס אז איר פרעגט: וועלן מיר דאס שוין אמאל ענדליך איבערקומען?

יא. מיר וועלן.

מיר זענען ניו יארקער. מיר זענען שוין פריער אמאל אראפגעקלאפט געווארן. מען האט אונז שוין פריער אמאל אפגעשריבן אלס א דורכפאל. און אלס ענטפער האבן מיר קיינמאל נישט פארפעלט זיך קעגנשטעלן די אויסזיכטן און שטייגן נאך העכער.

ניו יארק הויבט זיך שטענדיג אויף פון אש ארויס. דערפאר גלויב איך אז דאס איז נישט קיין מאמענט פון ייאוש נאר א מאמענט פון גרויסע מעגליכקייטן. ווייל טראצדעם וואס מיר האלטן אינדעמיט פון אן אנגייענדע קריזיס וואס נעמט איבער אלע כוחות, דאך מוזן מיר אויך געדענקען אז אויב מיר מאכן שוין איצט די ריכטיגע באשלוסן, וועט עס אלעס אריבערגיין.

אבער ערשט, מוזן מיר אויסווארטן דעם שטורעם פון ארינגס און ארום. דאס באדייט קאנטראלירן דעם ווירוס און נישט צולאזן עס זאל אונז קאנטראלירן.

ווען איך בין אריינגעקומען אין אמט האבן מיר תיכף איינגעפירט אן אויספירליכע פאנדעמיע פלאן און מיר האלטן כסדר אין איין זיך צופאסן גלייך ווען נייע ווערייענטס ווי אָמיקראָן קומען אויף. מיר טוען אלץ וואס מעגליך צו האלטן ניו יארקערס געזונט: געשטעלט פּאָליסיס וועלכע האבן געמאכט אונזער וואקסינאציע ראטע איינע פון די העכסטע אין לאנד, אקטיווירט א מיליטערישע סטייל אפעראציע מיט וואקסינירונג און טעסט ערטער, ארויסגעשיקט די נעשענעל גארד צו אונזערע שפיטעלער און נורסינג-האָומס און ארויסגעשיקט 37 מיליאן טעסטס איבער'ן סטעיט.

אין משך פון דעם ווינטער אנפלייץ טוען מיר זיך גענצליך פאקוסירן אויף צו האלטן קינדער אין סקול, האלטן אפן ביזנעסער, און זען אז ניו יארקער לעבנס זאלן ווייטער אנגיין ווי נארמאל מעגליך.

מיר אטאקירן דעם ווייִרוס דירעקט, באוואפנט מיט א טאקטישע, וויסנשאפטליכע צוגאנג, און מיר זענען שוין גרייט אויף סיי וואס עס קומט באלד אן.

אבער אזוי ווי מיר ווייסן צו גוט, דאס איז מער ווי א פובליק געזונטהייט קריזיס. מיר דארפן איצט שטיצן די מענטשן, פלעצער און אינדוסטריעס וועלכע זענען דאס מערסטע באטראפן געווארן, אנגעהויבן מיט די ניו יארקער וועלכע זענען געווען אויף די ליניע אויפ׳ן פראנט זינט דעם ערשטן טאג.

אין לויף פון יענע פחדים׳דיגע מאנאטן, בשעת פילע האבן זיך איינגעבויגן דעם קאפ און געבליבן אפגעהיטן אינדערהיים, האבן אונזערע העלטקעיר ארבעטער און ערשטע רעספאנדערס זיך באוויזן צו דער ארבעט, טאג נאך טאג, נאכט נאך נאכט, טאפלטע שיפט נאך טאפלטע שיפט, געשטעלט זייערע אייגענע לעבנס אין געפאר אויף צו ראטעווען אנדערע.

זיי זענען נישט נאר פיזיש אויסגעמאטערט — זיי זענען אויך גייסטיש אויסגעשעפט. איך האב עס געזען אין זייערע אויגן, אין שפיטעלער פון באפעלאו ביז פאטסדעם, פאריגע וואך.

די אויסגעשעפטקייט איניינעם מיט פריער-עקזיסטירנדע שטאב מאנגל האבן רעזולטירט אין א קריזיס. מיר האבן איינפאך נישט גענוג העלטקעיר ארבעטער אין אונזערע שפיטעלער אדער אין אונזערע לאנג-טערמיניגע אויפפאסונג אנטשטאלטן אין אונזערע אמבולאנסן אדער אין די היימען פון אונזערע נאענטע און באליבטע.

דער געזונט פון יעדער ניו יארקער ווענדט זיך אויף א שטארקע, סטאבילע און גלייכבארעכטיגטע העלטקעיר סיסטעם און העלטקעיר ארבעטער זענען איר יסוד. דרייסטע שריטן זענען פארלאנגט — בעפאר מער צייט גייט פאריבער.

צום ערשט מוזן מיר אפשטעלן דעם אויסגאס פון העלטקעיר ארבעטער און מיר גייען עס טון נישט נאר דורך זאגן אז מיר זענען זיי שולדיג א חוב פון דאנקבארשאפט נאר טאקע זיי באצאלן די חוב וואס מיר זענען שולדיג, אנגעהויבן מיט אן אנהאלט באנוס אויף ביז 3,000 דאלער צו אונזערע העלטקעיר און דירעקט קעיר ארבעטער און מיר וועלן טרייבן העכערע געהאלטן לענגאויס דעם העלטקעיר ארבעטסקראפט, כדי אז די וועלכע טוען גאט׳ס ארבעט דא אויף דער ערד טוען עס מער נישט פאר מינימום וועידזש.

אויסער דער געהאלט, וועלן מיר גרינגער מאכן פאר דאקטוירים און נורסעס פון אנדערע סטעיטס צו פראקטיצירן מיט זייערע עקזיסטירנדע לייסענס דא אין ניו יארק. מיר וועלן פארברייטערן די קאפאציטעט פון אונזערע מעדיצינישע אינסטיטוציעס כדי אז מער סטודענטן זאלן זיך קענען טרענירן פאר העלטקעיר דזשאבס אין הויכע פארלאנג, און מריר וועלן ערמעגליכן פאר זיי צו באקומען די טרענירונג מיט אומזיסטע שטודיר קאסטן און סטיפענדעס אויב זיי בלייבן דאהי נאכ׳ן גראדואירן.

אן איינמאל-אין-לעבנדיגער פאנדעמיע פארלאנגט אן איינמאל-אין-לעבנדיגע אפרוף:

צוליב דעם שטעל איך אוועק אן אמביציעזן ציל צו וואקסן אונזער העלטקעיר ארבעטסקראפט מיט 20 פראצענט איבער די קומענדע פינף יאר. און מיר וועלן מאכן די גרעסטע אינוועסטירונג אין העלטקעיר אין די געשיכטע פון דעם סטעיט: 10 ביליאן דאלער. בשעת מיר שטיצן אונטער אונזערע אויסגעמאטערטע העלטקעיר ארבעטסקראפט, ווייסן מיר אז זיי זענען נישט די איינציגסטע העלדן פון דער פאנדעמיע.

איך בין דאנקבאר צו די קאונטי פירער, סקול סופעראינטענדענטן, אדמיניסטראטארן, עלטערן און לערער פאר ארבעטן אזוי נאענט איניינעם מיט אונז צוריק צו ברענגען קינדער אין סקול אריין דעם וואך.

די ראָלע פון אַ לערער איז אומפאַרבײַטלעך אין דאָס לעבן פון אַ קינד, און אַזוי ווי די פאַרלאָפענע צוויי יאָר האָבן גוט אַרײַנגעדרינגען דעם פונקט, זענען זיי אויך אומפאַרבײַטלעך אין לעבן פון עלטערן אויך.

אַלס אַ מוטער ווייס איך דאָס ערשט-האַנטיק. דער אַרבעטסקראַפט איז אויך אָנגעשטרענגט און אָנגעאַרבעט איבער די כוחות. דערפאַר וועלן מיר העכערן באַמיאונגען צו רעקרוטירן און אָנהאַלטן לערער, מיט מער עפעקטיווע טרענירונג און שטיצע, שנעלערע און גרינגערע סערטיפיקײשען, און שטאַרקערע קאַריערע פּײַפּלײַנס און לייטערס.

און מיר וועלן צולייגן נאָך גײַסטישער געזונטהייט פּראָפעסיאָנעלן אין סקולס אויף צו היילן די וואונדן פאַראורזאַכט דורך די אָפּגעזונדערטקייט פון רעמאָוט לערנען. אַנדערע שפּירן זיך אויך ווייטאָגליך. פאַמיליעס, קלענערע ביזנעסער, פאַרמערס — זיי דאַרפן אַלע אונזער הילף. זיי דאַרפן עס שוין איצט און זיי גייען עס באַקומען.

מיר וועלן פאַרשנעלערן אַ 1.2 ביליאָן דאָלאַרדיגע שטייער פאַרקלענערונג, וואָס איז שוין פריער באַשטימט געוואָרן, צו קומען אין קראַפט צווישן איצט און 2025, כדי אַז דאָס אַלץ וועט פאַרקומען נאָך פריער. דאָס באַדייט אַז מער ווי 6 מיליאָן מיטל-קלאַס שטייער-צאָלער באַקומען מער געלט אין זייערע קעשענעס נאָך פריער, אין אַזאַ צייט ווען אינפלאַציע באַרויבט זיי פון סיי וועלכע געווינסן אין אײַנקונפט.

צו העלפן מיט פּראָפּערטי שטייערן וועלן מיר צושטעלן אַן 1-ביליאָן-דאָלאַרדיגע מיטל-קלאַס פּראָפּערטי טעקס ריבעיט צוריקצאָל פאַר מער ווי 2 מיליאָן היים אייגנטימער. און צו העלפן עלטערן זיך אומקערן צו דער אַרבעט וועלן מיר פאַרברייטערן צוטריט צו צוגענגליכע טשײַלד-קעיר פאַר נאָך 100,000 אַרבעטער פאַמיליעס און אינוועסטירן 75 מיליאָן דאָלאַר אין טשײַלד-קעיר אַרבעטער געהאַלט.

מיר וועלן אויך ליפערן 100 מיליאָן דאָלאַר אין העכסט-נויטיגע פאַרלײַכטערונג פאַר באַלד 200,000 קלענערע ביזנעסער, צו האַלטן אָפן זייערע טירן און צו קענען איבערלעבן דאָס וואָס די קומענדע פאַר וואָכן וועלן ברענגען. די ביזנעסער זענען די עקאָנאָמישע מאָטאָרן פון קלענערע טאַונס און גרויסע שטעט צוגלייך. זיי זענען דאָס וואָס מאַכט אונזערע קאַמיוניטיס אייגנאַרטיג און גיבן זיי כאַראַקטער.

איך ווייס דאָס גענוי; איך האָב אײַנגעקויפט און געגעסן אין רעסטאָראַנטן, אין דער מערהייט פון זיי.

איך האָב אויך געהאָלפן פאַר מײַן מוטער צו עפענען אַ בלומען געשעפט און פאַר מײַן שוועסטער אָנצוהויבן אַ קלענערע טעק קאָמפּאַני, און דערפאַר ווייס איך ערשטהאַנטיג ווי שווער עס איז. איך קען די ריזיקעס וואָס עס נעמען ביזנעס אייגנטימער און ענטרעפּרענורס, און די באַצוימונגען וואָס פרויען האָבן אויסצושטיין. אַזוי פיל קלענערע ביזנעסער זענען געפירט געוואָרן ביז׳ן סאַמע עק פון באַרג. טויזנטער באַרס און רעסטאָראַנטן — דאָס חיות פון אונזערע שכנות׳ן — האָבן זיך געדאַרפט פאַרשליסן.

פאַר אַנדערע, וועלכע בלײַבן ווייטער אָנגעהאַנגען אויף אַ פאָדעם, ווענדט זיך דאָס איבערלעבן אויף די פראַגע צי זיי קענען שאַפן מער פלאַץ אינדרויסן, אַ שווערע אויפגאַבע אין משך פון אונזערע ניו יאָרקער ווינטערס. צו העלפן לינדערן די קאָסטן וועלן מיר באַזאָרגן אַ טעקס קרעדיט פאַר קאָווויד פאַרבינדענע אײַנקויפונגען, ווי אינדרויסנדיגע הייצער און זיצונגען. און מיר גייען אויך טון עפּעס וואָס באַרס און רעסטאָראַנטן האַלטן אין איין בעטן: צו ווידעראַמאָל ערלויבן דאָס פאַרקויפן פון טו-גאָו געטראַנקען — אַ קריטיש-וויכטיגע אײַנקונפט שטראָם במשך די מאָגערע צייטן אין דעם פאַרלאָפענעם יאָר.

לחיים, ניו יאָרק.

די פאַרמערס וועלכע באזארגן רעסטוראנט קיכן — און אויך אונזערע — דארפן אויך א לעבנס-רעטונג מיטל. איך האב באזוכט פאַרמס פון דזשענעסי קאונטי ביז דער נאָרט פאַָרק פון לאנג איילענד, און דאס לעבן איז שווער, אפילו אין די גוטע צייטן. דערפאר וועלן מיר זיי שטיצן מיט א טעקס קרעדיט פאר די אָווערטיים שעה׳ן וואס זיי באצאלן, א העכערונג אין דעם אינוועסטירונג טעקס קרעדיט און פארלענגערן און טאפלען דעם פאַרם ארבעטסקראפט-אנהאלט קרעדיט.

דאס וועט אויך אנהויבן אדרעסירן דעם ארבעטסקראפט מאנגל מיט וועלכע פילע פאַרמס ראנגלען זיך.

דאס איז וויאזוי מיר וועלן אנהויבן העלפן העלטקעיר ארבעטער, בילדונגס פראפעסיאנעלן, קלענערע ביזנעסער, פאַרמס און פאמיליעס צו קענען זיך אן עצה געבן מיט די שרעקליכע עקאנאמישע תוצאות פון קאָוויד.

אבער אויסער דער פאנדעמיע, שפיגלט אפ מיין אגענדע דער מיינונג אז מיר קענען נישט ערלויבן פאר דעם ווירוס זיך אזוי פעסט אנקלעבן אז עז טוט אונז איינצוימען פון קוקן צו דעם צוקונפט. בלויז צו לעכצן אויף אן איינפאכע אומקער צו א וועלט און לעבנסשטייגער פון בעפאר דעם פאנדעמיק וואלט נישט נאר געווען איינגעהאלטן און אן פיקחות. עס וואלט אויך זיך געמאכט אומוויסנד איבער אונזער היסטאריע און גיין קעגן אלעס וואס מאכט אז ניו יארק זאל זיין ניו יארק.

אויב מיר קענען נישט אויסניצן די מעגליכקייטן וועלכע קומען ארויס פון די אזעלכע צייטן, דאן פארפאסן מיר צו פארעהרן דעם אנדענק פון די דרייסטע און וויזיאנערישע ניו יארקער וועלכע זענען געקומען פריער פון אונז.

דער בילד פון פרענקלין רוזוועלט וואס הענגט איבער׳ן קוימען-פאליצע אין דעם גאווערנער׳ס וואוין-ארט איז מיין טעגליכע דערמאנונג אויף דעם גאנצן תכלית פון פירערשאפט אין משך פון א קריזיס. צום ערשט אלס גאווערנער און דערנאך אלס פרעזידענט האט עף-די-אר בפועל איבערגעבויט דער עקאנאמיע פון אונטן ארויף נאך דעם עקאנאמישן קראך פון ׳29. ער האט געגעבן פאר מענטשן מער ווי בלויז דזשאבס. ער האט זיי געגעבן האפענונג.

די פּאָליסיס פון זיין ׳ניו דיעל׳ האבן נישט נאר געהאלפן פאמיליעס וועלכע האבן אלצדינג פארלוירן; זיי האבן אויך געטריבן צענדליגע יארן פון עקאנאמישע וואוקס און דער געבורט פון דעם מיטל-קלאס. נאכאמאל און נאכאמאל האט ער פאקוסירט אויף דעם שטורעם וואס האט געבוזשעוועט ארום אים,אבער ער האט אויך געהאלטן איין אויג אויפ׳ן האריזאנט, שטענדיג פלאנירט פאר׳ן טאג ווען די וואלקענעס וועלן זיך שפאלטן.

דאס איז גענוי וואס מיר טוען איצט. דער פאנדעמיע האט נישט געשאפן אלע פראבלעמען וואס מיר שטייען היינט אויס. עס האט אונז פשוט געצווינגען ארויף צו האלטן א שפיגל און זען די שפאלטענעס אין אונזער געזעלשאפט וואס איז פריער געווען צו גרינג זיך צו מאכן אומוויסנד דערפון. דער קריזיס האט געשאפן א געלעגנהייט אויף זיך ווידער דעפינירן — און מיר דארפן דאס אויסניצן.

אבער אזוי ווי מיר לאזן זיך אין וועג אריין אויף דער נייער תקופה, דארפן מיר געבן א שווערן בליק אין יענעם שפיגל און באהאנדלען די ביטער שווערע ווירקליכקייטן. ווי צום ביישפיל, דער פאקט אז 300,000 ניו יארקער האבן פארלאזט אונזער סטעיט פאריגעס יאר. דאס איז דער גרעסטער פארקלענערוג פון דער באפעלקערונג ווי סיי וועלכע סטעיט אין דעם לאנד, אן אויפטרייסלענדע אלארעם פון וועלכן מיר קענען זיך נישט אומוויסנד מאכן. פאר די וועלכע זענען אוועק צייטווייליג צוליב דער פאנדעמיע אדער פרובירן צו באשליסן זייערע קומענדע טריט בשעת די אומזיכערע צייטן, האב איך איין מעסעדזש: איר ווילט נישט פארפאסן וואס וועט אט-אט פארקומען.

צו דער איצטיגער צייט, ממש אין דעם מאמענט, בויען מיר א נייעם ניו יארק וואס איז ווערד אייערע טאלאנטן און שטרעבונגען. מיר וועלן אונטערצינדן אונזער עקאנאמישע ערהוילונג דורך זיין די מערסט ביזנעס-פריינטליכע און ארבעטער פריינטליכע סטעיט אין דעם לאנד.

אויף אריינצוציען מענטשן און ביזנעסער, אינוועסטירן מיר מיליאנען דאלארען צו טראנספארמירן די דאונטאון געגנטער פון אונזערע שטעט אויף מאגנעטן פאר נייע דזשאבס און נייע געלעגנהייטן און שטעלן אין פלאץ סיי פארגאנגענע און סיי אויפקומענדע אינדוסטריעס פאר סוקסעס.

ניו יארק איז שוין דער היים פאר געוויסע פון די מערסט באדייטנסטע אינדוסטריעס אין דער וועלט. פינאנץ, ריטעיל, העלטקעיר, טעכנאלאגיע, קליידונג מאדעס, ענטערטעינמענט, אויף צו געבן נאר עטליכע ביישפילן.

אבער עס איז נאך דא אסאך פלאץ צו וואקסן. מער שאַוועל-גרייטע ערטער פאר נייע פאבריצירער און ווערהאַוזן, פארבעסערונגען אין אונזער טראנספארט אינפראסטרוקטור און אינוועסטירונגען אין די טעכנאלאגיע וואס וועט באקרעפטיגן די דזשאבס פון דעם צוקונפט. און מיר גייען זיכער מאכן אז מיר האבן אן ארבעטסקראפט טרענירט אריינצוטרעטן אין די דזשאבס.

טאקע דערפאר וועלן מיר אינוועסטירן שכל׳דיג און סטראטעגיש אין ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען וואס דאס מיינט גאנץ איינפאך אויף צוזאמפּאָרן מענטשן מיט טרענירונג, און מיט דזשאבס.

איך ווייס אז עס איז דא א שטארקע פארלאנג. ביי יעדע איינע פון די טויזנטע ארבעטס-פלעצער וואו איך האב באזוכט, איז דער שטענדיגער קלאג אז עס זענען נישט פאראן גענוג טרענירטע ארבעטער. ביי יעדן איינציגן ארט, דאס זעלבע.

טאקע צוליב דעם וועלן מיר צוריקשטעלן מיט נייע קראפטן אונזער ארבעטסקראפט אנטוויקלונג אפיס, עס פלאצירן אין ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ כדי מיר זאלן קענען בויען שטערקערע צוזאמענארבעטשאפטן מיט באשעפטיגער און פירן פינאנצירונג דורך אונזער ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און דעריבער וואקסן מיר פראגראמען וועלכע טרענירן פאר דזשאבס וואס זענען *למעשה* אין הויכע פארלאנג אין פארשידענע טיילן פון דעם סטעיט.

און די קלוגסטע וועג דאס צו טון אין צו האבן סקול דיסטריקטן, קאמיוניטי קאלעדזשעס, SUNY און CUNY, אלע פאקוסירט אויף די זעלבע צילן.

מיר וועלן באלוינען סוקסעס, דורך צוזאמבינדן א חלק פון ארבעטסקראפט טרענירונג צו הויכע דזשאב פלאצירונג ראטעס. מיר וועלן אויך מאכן גרינגער צו קוואליפיצירן אלס אן MWBE ביזנעס, כדי אז יעדער זאל האבן צוטריט צו געלעגנהייטן. עס איז א פשוט-שכל׳דיגע צוגאנג, געשטיצט דורך אן אויסערגעווענטליכע מאס פינאנצירונג. און עס וועט העלפן אריינגעבן אויסערגעווענטליכע טרייב-כוח פאר אונזער עקאנאמיע.

אונזער ציל איז פאר ניו יארק צו זיין נאציאנאל באקאנט אלס דער ארט וואס וואקסט און ציעט צו זיך יעדעס סארט טאלאנט — און די ביזנעסער וועלן נאכקומען. און פאר ביזנעסער צו האבן ערפאלג דארפן זיי א גוט-טרענירטער און אויסגעבילדעטע ארבעטסקראפט.

איך גלויב טיף-טיף אז עס איז נישט פאראן עפעס מער ווערדפול ווי בילדונג און טרענירונג ווען עס קומט אויפצושליסן געלעגנהייטן און בליאונג. עס ענדערט לעבנס, איבער דורות.

איך ווייס וואס בילדונג האט געטון פאר מיין אייגענע פאמיליע׳ס אומשטענדן. מיינע אור-עלטערן זענען אנטלאפן פון אירלאנד אלס יוגנטליכע, ליב דעם וואס זיי האבן גארנישט נישט פארמאגט — זיי זענען געווען ארעמעלייט אן קיין שמעק פון געלעגנהייט אין זייער היים לאנד. מיין זיידע איז ערשט געקומען אלס א וואנדערנדע פאַרם ארבעטער אין די פעלדער פון סאוט דאקאטע, דערנאך זענען מיין זיידע און באבע געווארן שטוב ארבעטער, און דערנאך האט זיך אלצדינג געענדערט ווען ער האט געהערט אז עס זענען דא גאר גוטע דזשאבס אין א פלאץ וואס רופט זיך באפעלאו, ניו יארק, ביי דער בעטלעהעם סטיל פאבריק.

די באבע האט געפונען א דזשאב ביי ׳בעל עיראספעיס׳, צו מאכן טיילן פון אונזערע עראפלאנען אין משך פון צווייטן וועלט קריג. דאס איז געווען זייער טיקעט צו דעם לעבן וועלכע זיי זענען געקומען אהער אויף צו זוכן.

אבער וואס האט נאך מער טראנספארמירט מיין פאמיליע איז דער פאקט אז מיין פאטער האט געקענט באקומען א קאלעדזש דעגרי — ביי נאכט, בשעת׳ן ארבעטן ביי טאג ביי דער זעלבער אייזן פאבריק ווי זיין פאטער.

אויב וואלט ער נישט געהאט גענומען דעם שפרונג, און אינוועסטירט אין זיין אייגן בילדונג, וואלט איך היינט געלעבט גאר אן אנדערן סארט לעבן. מיין גאנצע פאמיליע וואלט אויך. עס איז צוליב דעם וואס איך בין אזוי פאקוסירט אויף פארברייטערן בילדונגס געלעגנהייטן, אנגעהויבן דורך מאכן די סטעיט׳ס שטודיר קאסטן הילף פראגראם צום באקומען פאר טייל-צייטיגע סטודענטן.

איך גלויב אז SUNY און CUNY זענען מאטארן פון סאציעלע באוועגונג און האבן נאך אומאויסגעניצטע פאטענציעל וואס דארף ווערן איינגעשפאנט און ארויסגעטריבן.

דערפאר, טו איך היינט אויסלייגן א בליק צו מאכן SUNY דער בעסטער גאנץ-סטעיט׳יגע פובליק העכערע עדיוקעישן סיסטעם אין דעם לאנד. וויאזוי? דורך רעקרוטירן ערשטראנקיגע איינגעשטעלטע, שאפן פלאגשיף אינסטיטוציעס ביי סטאני ברוק און דער אוניווערסיטעט ביי באפעלאו, אינוועסטירן מער אין אונזערע פרעמיערע פארשונג אנטשטאלטן ביי בינגהעמטאן און אלבאני, אויסניצן די שטארקייטן פון אונזערע פיר-יעריגע אויספירליכע קאלעדזשעס, אונזערע טעכנישע קאלעדזשעס און אונזערע קאמיוניטי קאלעדזשעס, באזארגן טשיילד-קעיר אויף יעדן קאמפוס, העכערן איינשרייבונגען צו 500,000 סטודענטן ביז 2030, מאכן SUNY א נאציאנאלע פירער אויף גלייכקייט פאר יעדן, העכערן די צאל און פארשידנמיניגקייט פון מענטשן אין יעדע קאמיוניטי מיט דעגריס און קרעדענשעלס וואס שטעלן אוועק מיטל-קלאס קאריערעס און פארזיכערן אז SUNY קאמפוסן טרייבן עקאנאמישע וואוקס אין זייערע ארומיגע קאמיוניטיס.

אזוי ווי מיר אָפּגרעידען אונזער גאנץ-סטעיט׳ישע העכערע עדיוקעישן אינסטיטוציעס, אנערקענען מיר אויך אז עס זענען פאראן טיילן פון דער באפעלקערונג איינגעשטעלט אויף דורכצופאלן צווישן די שפאלטענעס, אויסער אויב מיר צילן דזשאב טרענירונג און בילדונגס געלעגנהייטן אויך פאר זיי.

צום ביישפיל, מיר ווייסן אז ארעסטירטע לייט וועלכע נעמען אנטייל אין קארעקשענעל בילדונגס פראגראמען טרעפט זיך פיל ווייניגער אז זיי באגיין נאכאמאל א פארברעך און עס טרעפט זיך 13 מאל אזויפיל צו באקומען באשעפטיגונג נאכ׳ן זיך אומקערן צוריק אהיים.

די תוצאה דערפון איז א טובה פאר די געוועזענע ארעסטאנטן, פאר ארבעטסגעבער וואס זוכן ארבעטער און פאר די שטייער-צאלער פון ניו יארק סטעיט — און דאס איז די ריכטיגע זאך צו טון.

דערפאר טו איך היינט אויסמעלדן א נייע ׳דזשעילס-טו-דזשאבס׳ איניציאטיוו, כדי אז פריער ארעסטירטע מענטשן קענען האבן די שטיצע אין וואס זיי נויטיגן זיך צו טרעפן באשעפטיגונג ביים צוריק אריינגעלאזט ווערן אין דער געזעלשאפט. מיר וועלן אויך צוריקשטעלן דער שטודיר קאסטן הילף פראגראם פאר ארעסטירטע לייט — און מיט דעם לייגן א סוף צו א 30-יעריגע פארבאט.

בשעת מיר שאפן עקאנאמישע געלעגנהייטן אין יעדן סעקטאר, איז דא איין אינדוסטריע וואס וועט ארבעטן טאג און נאכט אויף יארן נאכאנאנד אין דעם צוקונפט: מיינע פריינט און די קאנסטרוקציע האנדלערייען, דורך בויען אזעלכע אינפראסטרוקטור וואס מיר האבן נאך ביז היינט קיינמאל נישט געזען.

אינפראסטרוקטור וואס האט באזונדערע באדייט פאר פארשידענע סארט מענטשן. פאר מיך איז עס דערהייטערנד ווייל דער גאנצער נושא איז איבער שאפן פארבינדונגען. פארבינדן געגנטער, פארבינדן מענטשן מיט דזשאבס און פארבינדן מענטשן מיט פאמיליעס.

אונטער-סטאנדארטיגע אינפראסטרוקטור פאראורזאכט לאנגע שעה׳ן פארן צו און פון דער ארבעט, פארלירן צייט פון פאמיליע, אפילו פארפאסן אן קינד׳ס שלאפן צייט. צייט אין א רעדל-פארריכטונג געשעפט נאכ׳ן זיך אנשטויסן אין א פּאָטהאָול לייגט צו מער אנגעשטרענגטקייט וואס פעלט אויס פאר סיי וועמען. דערפאר זע איך דאס בויען און פארבעסערן אונזערע אינפראסטרוקטור אלס א לעבנס-קוואליטעט נושא.

אין נאוועמבער בין איך געשטאנען מיט מיינע געוועזענע קאלעגעס אין קאנגרעס אדער דעם ווייסן הויז גראזגארטן ווען פרעזידענטביידען האט אונטערגעשריבן דעם היסטארישן אינפראסטרוקטור ביל, וואס האט אונז געגעבן אן איינמאל-אין-א-יארהונדערט שאנס צו אינוועסטירן.

מיר קענען נישט צולאזן אז דער איצטיגער מאמענט זאל זיך דורכגליטשן און מיר וועלן נישט.

ניו יארקער פארלאנגען דאס בעסטע און דאס איז גענוי וואס זיי וועלן באקומען. גיבט נאר א קוק אויף וואס מיין אדמיניסטראציע האט שוין אויסגעמאלדן אין לויף פון די לעצטע פיר חדשים.

מיר וועלן ענדליך טראנספארמירן פען סטעישען אויף אן ערשטראנקיגע אנטשטאלט וואס איז ווערד אונזער שטאט, צו פארזיכערן אז דער געיטוועי פראיעקט ציעט זיך ענדליך פאראויס, צו ברענגען העכסטצייטיגע אַפּגרעידס צו סיי לאגווארדיגע און סיי דזשעי-עף-קעי עירפארטס, און ענדיגן דעם 2׳טע עוועניו סאַבּוועי צו פארבינדן איסט הארלעם מיט דזשאבס.

און דאס איז בלויז דער אנהויב.

היינט טו איך אויסמעלדן א דרייסטע איינפאל — צו נעמען אלטע, אומבאניצטע רייט-אָוו-וועי 14 מייל אין לענג און שאפן וואס מיר רופן דער ׳אינטער-בארא עקספרעס׳, נייע באן סערוויס וואס וועט באהעפטן ברוקלין מיט קווינס.

איך ווייז אן פאר׳ן MTA תיכף אנצוהויבן אן ענווייראנמענטאלע איבערזיכט, כדי אז מיר זאלן קענען זען אז דער פראיעקט זאל זיך אראפוועלגערן אויף די שינעס און איך פאראדערן אויך פאר דער פארט אויטאריטעט זיך צו נעמען צו דער ארבעט אויף דעם קראָס-האַרבּאָר טונעל.

אזוי ווי איך האב געזאגט, אינפראסטרוקטור באדייט באהעפטונגען. מיר דארפן ווידער-באהעפטן געגנטער וואס זענען איבערגעהאקט געווארן דורך אספאלטירטע הייוועי, וואס האט אומפראפארציאנעל באווירקט אויף קאָמיוניטיס אָוו קאָלאָר.

מיר וועלן צוריקדרייען די שאדנס געמאכט איבער א האלב יארהונדערט אויף צוריק, מיט פראיעקטן ווי דער קענסינגטאן עקספרעסוועי אין באפעלאו, I-81 אין סירעקיוס, דער אינער-לופ אין ראטשעסטער, און דער קראָס בראנקס עקספרעסוועי.

איך בין אויך געפארן צו יעדע איינס פון אונזערע 62 קאונטיס אין יעדע פון די פארלאפענע זיבן יאר, און דערפאר קען איך גוט כמעט יעדן ראוד, הייוועי און בריק.

איך האב אויך פערזענליכע ערפארונג מיט יעדע פּאָטהאָול אין ניו יארק — איבערהויפט אויפ׳ן לאנג איילענד עקספרעסוועי. איך קום זיי אויך נאכיאגן.

און מיר מאכן; דער גרעסטער אינוועסטירונג אין ניו יארק׳ס דיגיטאלע אינפראסטרוקטור, ארייננגיסנדיג 1 ביליאן דאלער אין באהעפטן מער ניו יארקער מיט היי-ספיעד אינטערנעט. די אינוועסטירונג וועט אונטערהייבן אינאוואציע און עקאנאמישע וואוקס — איבערהויפט אין אונזערע מערסט פארווארפענע קאמיוניטיס.

עס איז פאראן נאך אייך קריטישע שטיקל פון אונזער פלאן איבערצובויען אונזער אינפראסטרוקטור — עס מאכן מער באפעסטיגט קעגן קלימאט ענדערונג. בלויז עטליכע טעג נאכ׳ן ווערן ארייגעשוואוירן אין אמט זענען מיר אנגעשמיסן געווארן מיט האריקעין ׳איידע׳. איך בין געגאנגען צופיס אויף די פארפלייצטע גאסן פון איסט-עלמהורסט, קווינס, און צוגעזען די נאכוויייענישן פון אן אויסטערליש היסטארישער צוזאמשטויס צווישן דער מוטער-נאטור און אונזער נאכגעלאזטע אינפראסטרוקטור, מיט שרעקליכע תוצאות.

עס איז געווען א ברוטאלישער דערמאנונג אז צופיל צייט איז שוין פארלוירן געגאנגען אין דעם קאמף קעגן קלימאט ענדערונג. די פאסירונגען זענען מער נישט זעלטן — עס קומט באלד דער נעקסטער. קוקט נישט ווייטער ווי די אפסטעיט קאונטיס וואס ווערן כסדר דערשלאגן דורך ״500 יאר״ פלייצונגען אדער די טונעלן אין ניו יארק סיטי און קאמיוניטיס אויף לאנג איילענד וועלכע גייען נאך אריבער פאררריכטונגען איבער א צענדליג יאר נאך האריקעין ׳סענדי׳ האט געטראפן.

דאס דראעט אונזער לעבנסשטייגער — דא און היינט — און דערפאר מוזן, און מיר ווען, איינפירן אן אמביציעזע אגענדע נאכצוקומען די פאדערונגען פון דעם מאמענט.

מיר האבן שוין אנגעהויבן מיט דאס העכערן דעם ענווייראנמענטאלע באָנד געזעץ צו 4 ביליאן דאלער, וואס וועט גיין אויפ׳ן בעלאָט דעם קומענדן הערבסט, כדי מיר זאלן האבן די שטיצע-מיטלען אין וואס מיר נויטיגן זיך.

איך טו איצט אויסמעלדן א לאנד-וועגווייזיגע 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג אין אָף-שאָר ווינט ענערגיע וואס וועט שאפן טויזנטער גוט באצאלטע גרינע דזשאבס.

בשעת מיר בויען ארויס דעם פארנעם פון ווינט ענערגיע, און זעצן פאר ווייטער אונזער טראנזיציע צו ריינע ענערגיע, מוז אונזער אנגעוויזנקייט אויף פאסיל-ברענשטאף ווערן צוביסלעכווייז געענדיגט. אין סעפטעמבער האב איך געמאלדן צווי ריינע ענערגיע מעגא-פראיעקטן אונז צו שטעלן אויפ׳ן וועג צו דערגרייכן דעם אמביציעזן ציל פון שניידן 80 פראצענט פון ניו יארק סיטי׳ס ענערגיע קראפט פאבריק

עמיסיעס ביז 2030. נייע קאנסטרוקשען אין דעם סטעיט וועט זיין זערא-עמיסיע ביז 2027, און מיר וועלן בויען קלימאט-גינציגע עלעקטרישע היימען און שטיצן עלעקטרישע אויטאס, טראָקס און באסעס.

באשיצן אונזער ענווייראָנמענט איז פאר מיך פערזענליך. איך בין געבוירן אין א צייט און אין א פלאץ, ווי אראנדזשע רויך פלעגט ארויפגיין פון פאבריק רויך-קוימענס, און בפועל פארשטעלט די הימלען, מיט א געפערליכע שטינק וואס קומט מיר אין זיכרון ביז'ן היינטיגן טאג, און וואס האט אויך ארויסגעשיט גיפטיגע אפפאל אין איינע פון די וועלט'ס גרעסטע פרישוואסער לעיקס.

איך האב געוואוינט ארומגענומען דורך די אורזאכן פון קלימאט ענדערונג — און איצט וואוין איך מיט אירע תוצאות.

איצט, בשעת מיר שטייען אויס דעם קלימאט קריזיס, וועלן מיר אדרעסירן איינע פון די פשוט'ע מענטשליכע באדערפענישן, וואס דאס איז זיך צו שפירן זיכער, אויפ'ן גאס, אין סקולס און אינדערהיים.

נאכאמאל און נאכאמאל האבן מיך ניו יארקער געזאגט אז זיי שפירן זיך שוין נישט אפגעהיטן, אז זיי גלייכן נישט וואס זיי זעען אויף די גאסן און אז עס שפירט זיך עפעס גאר אנדערש היינט — און נישט אויף בעסערס.

עס איז נישט נאר ניו יארק סיטי — דאס הערט מען אין שטעט איבער גאנץ אמעריקע. פילע גורמים האבן ביישטייערט דערצו אז אונזערע גאסן זאלן זיך שפירן ווייניגער זיכער, אריינגערעכנט די גאר עכטע צוביסלעכווייזע שטייגונג פון גאן שיסערייען איבער'ן גאנצן לאנד זינט אנהויב דעם פאנדעמיק.

דאס איז נישט קיין אומקער אויף צוריק צו די פינצטערע צייטן פון די 70'ער, 80'ער און 90'ער. אבער נישט לויט דעם מעסטן מיר סוקסעס. מיר דארפן זיך צוריק אויסגלייכן אויף די רעלסן.

אין אקטאבער האב איך אונטערגעשריבן א ביל וואס האט פארמאכט די לופ-האולס אין גאן פארמאגן און רעגיסטראציע, צו מאכן גרינגער פאר געזעץ אינפארסירער נאכצושפירן און דערוויישן געווער וואס איז געניצט געווארן אין פארברעכנס און אפהאלטן גאן האנדל.

און מיר האבן פארבאטן דאס פארקויפן פון 'גאוסט גאנס'. גייענדיג אויף פאראויס וועלן מיר פארשטערקערן אונזערע באמיאונגען אויף פראקטישע, איבערצייגטע געזעץ אינפארסירונג סטראטעגיעס אויף צו באקעמפן גאן שיסערייען. דורך ארבעטן מיט מעיאר אדאמס און דער ליוטענאנט גאווערנער, וועמען איך האבן געבעטן ער זאל נעמען א פירנדע ראלע פאר אונזער אדאמס, וועל מיר פארמירן א נייע קאנסארטיום צווישן די ניו יארק סטעיט פאליציי, דער NYPD און אנדערע געזעץ אינפארסיר אגענטורן, אריינגערעכנט שכינות'דיגע סטעיטס אויף ארויסזוכן און דערוויישן די גאנס וואס ווערן געניצט אין פארברעכנס און אפשטעלן דעם פליס פון גאנס אריין אין אונזער סטעיט.

מיט וועלן באטריפלען די שטיצע-מיטלען סיי פאר אונזערע גאן-ארויסזוכונג ארבעט און סיי פאר ערפאלגרייכע קאמיוניטי-באזירטע פראגראמען.

באקעמפן גאן שיסערייען איז קריטיש-וויכטיג, אבער מיר מוזן אדרעסירן אנדערע גורמים וואס זענען אויך אין טייל שולדיג פאר דער דורכדרינגענדער אומרואיגקייט וואס פילע שפירן היינט אויף אונזערע גאסן.

דאס רעכנט אריין דעם מענטשליכן קריזיס וואס צעעפענט זיך פאר אונזער אויגן: דאס שטייגן פון גאסן היימלאזיגקייט. אונזערע ניו יארקער מיט-בירגער וועלכע זענען אין אזעלכע אומשטענדן קומט זיך אונזער מיטלייד און זיי וועלן עס באקומען — און אויך אונזער שטיצע.

מיר וועלן שאפן טיעמס פון גייסטישער געזונטהייט פראפעסיאנעל און סאציעלע ארבעטער, וועלכע וועלן זיך אנשליסן מיט ניו יארק סיטי אוטריטש ארבעטער, אנצוקומען צו היימלאזע פערזאנען און זיי אריבערפירן צו שוץ-ערטער און האָוזינג.

אין דער זעלבער צייט ווייסן מיר אז גאס היימלאזיגקייט איז בלויז איין קליינע טייל פון דער היימלאזער באפעלקערונג.

איסער די וועלכע שלאפן אויף די גאסן, זענען פאראן נאך צענדליגע טויזנטער מענטשן וואס ציען זיך אריין און ארויס פון שוץ-ערטער אין א צייט וואס זיי פרובירן זיך איינצושאפן א פלאץ צו קענען אנרופן א היים ,און טראגיש זענען פילע פון זיי קינדער.

מיר דארפן פאקוסירן אויף אדרעסירן די יסודות׳דיגע סיבות פון היימלאזיגקייט, נישט-נאכגעקומענע גייסטישע געזונט געברויכן, ארעמקייט, עדיקשען, און האָוזינג אומזיכערהייט.

א יעדער ניו יארקער קומט זיך צוטריט צו צוגענגליכע וואוינונגען, צי זיי זענען אין געפאר פון היימלאזיגקייט אדער פשוט אנגעשטרענגט אויף צו באצאלן רענט באצייטנס יעדן חודש.

אזוי פיל מענטשן שטייען אויס נישט נאר די ריזיגע עקאנאמישע שוועריגקייט, אבער דער טאפלטער פלאג איז א האָוזינג פרייזן טועון ווייטער שטייגן ארויס פון די מעגליכקייט פון פילע פערזאנען, און דורכדעם נאך ערגער מאכן די אומשטענדן.

דערפאר הויב איך אן א נייע, פינף-יעריגע האָוזינג פלאן צו שאפן און אפהיטן 100,000 צוגענגליכע וואוינונגען, אריינגערעכנט 10,000 יוניטס מיט אונטערהאלט סערוויסעס פאר מער ריזיקירטע טיילן פון דער באפעלקערונג, ווי אנטלויפנדע יוגנטליכע און פריער ארעסטירטע מענטשן.

און מיר קענען זיך מער נישט מאכן ווי אומוויסנד איבער די טרויעריגע אומשטענדן פון NYCHA איינוואוינער וועלכע וואוינען צומאל אין גאר פארדריסיגע אומשטענדן. דער ליוטענאנט גאווערנער און איך וועלן ארבעטן מיט דער שטאט ניו יארק און דעם לעגיסלאטור אויף קאנקרעטע שריטן אין דער סעסיע. מיר וועלן אויך פארערעכטן אלט-מאדישע געזעצן וועלכע האלטן צוריק האָוזינג סופליי.

מיר וועלן מוטיגן טראנזיט-גועאייגנטע דעוועלאפמענט, און דאס איבערבייטן פון האטעלס און אפיסעס אויף האָוזינג איז אויך א טייל פון אונזער האָוזינג סטראטעגיע.

דורכצופירן אלצדינג וואס איך האב פארגעשלאגן ווענדט זיך אין איין זאך: א רעגירונג אין וועלכער מענטשן האבן צוטרוי.

לענגאויס דעם לאנד איז געפאלן צוטרוי צו רעגירונג צו א רעקארד נידעריגע שטאפל. מיר ווייס די סיבה דערפאר. פאלשע אינפארמאציע און שקרים אויף סאָושעל מידיע, א כסדר-פארברייטערנדער איבערעייס צווישן פארטייען, און גרידלאק אין וואשינגטאן און אפילו בפירושע אטאקעס קעגן די רעכט צו שטימען.

עס ווערט שווערער און שווערעקר פאר מענטשן צו טרויען זייערע ערוועהלטע באאמטע ביי אלע שטאפלען פון רעגירונג.

די פראגע איז: וויאזוי קענען מיר צוריקשטעלן זייער צוטרוי?

דא אין ניו יארק איז אונזער ענטפער צו דעמאנסטרירן וויאזוי עס זעט אויס וואוילטעטיגע און אויפריכטיגע רעגירונגשאפט.

און מיר האבן שוין געמאלדן דעם ערשטן טריט.

מיר געבן אריין א פארשלאג צו דעם לעגיסלאטור איינצופירן צוויי טערמין באגרעניצונגען פאר גאנץ-סטעיט׳יגע באאמטע.

פאר רעגירונג צו פונקציאנירן ווי עס באדארף צו זיין, קענען אונז נישט, מיר וועלכע האבן די מאכט, עס אנכאפן און אנהאלטן דערצו.

מיר דארפן כסדר אריבערפירן דעם באטאן צו נייע פירער מיט פארשידענע ערליי מיינונגען און פרישע געדאנקען.

אונזערע רעפארמען רעכענען אריין א פארבאט אויף אויסערליכע איינקונפט פאר גאנץ-סטעיט׳יגע באאמטע, ווייל אונזער איינציגסטע אויפגאבע דארף זיין צו דינען די מענטשן פון ניו יארק.

אבער דאס איז נישט דער איינציגסטע טייל פון דעם סיסטעם וואס פונקציאנירט נישט ווי עס באדארף צו זיין.

עס איז נישט קיין געהיימניס אז לעצטנסדיגע פאסירונגען האבן ארויסגערופן פראגעס איבער די עפעקטיווקייט פון דער געמיינזאמע קאמיסיע אויף פובליק זיטען, JCOPE.

איך וועל ארויפברענגען לעגיסלאציע צו ערזעצן יענע קאמיסיע מיט נייע עטיקס אינפארסירונג וואך גרופע.

אזא איינע מיט עכטע כוחות. אזא איינע וועלכע דארף אפגעבן ענטפערס פאר ניו יארקער — נישט פאר פאליטיקאנטן.

קיין איינע פון די ענדערונגען וועלן פארריכטן אונזער רעגירונג אין איין טאג, און שטעלן אין פלאץ די באשיצונגען וועט נישט מיינען אז מיר, ערוויילטע באאמטע, וועלן נישט צומאל זיך אנשטויסן און ארונטערפאלן אדער פשוט מאכן גרייזן.

אבער דורך דאס אוועקשטעלן העכסט-נויטיגע רעפארמען, קענען מיר אמווייניגסטנס אנהויבן צוריקצושטעלן פובליק צוטרוי דורך פאקוסירן אויף וואס מאכט אויס באמת פאר אונזערע איינוואוינער.

וואס איר האט איצט געהערט איז בלויז א קליינע צאל ביישפילן פון די איבער 220 פארשלאגען וועלכע פילן אן א בוך וואס מיר גיבן היינט ארויס.

דאס איז באמת אן אויסערגעווענטליכע דערגרייכונג אין אונזערע 134 טעג אין אמט.

און איך לויב די שווער-ארבעטנדע שטאב מיטגלידער וועלכע האבן מיך געהאלפן פארעמען דער אגענדע — איך בין שטאלץ צו האבן די מערסט פארשידנמיניגע און מערסט טאלאנטפולע טיעם וואס ניו יארק סטעיט האט אמאל געהאט.

בעפאר מיר ענדיגן דא און נעמען זיך צו דער ארבעט.

איך וויל זיך אפשטעלן אויף איין מאמענט זיך צו באקלערן אויף אונזער סטעיט׳ס אייגנארטיגע געשיכטע און דער גורל וואס עס שטעלט אונז פאר דער צוקונפט.

זינט איר אנהויב, האט אונזער לאנד צוגעצויגן מענטשן פון איבער דער גארער וועלט, אין זוכן אן אידעאל וואס האט געמאכט עס זאל זיך לוינען דאס איינשטעלן זיך און פארלאזן זייער אייגענעם היימלאנד

צוויי פשוטע ווערטער: אמעריקאנער טרוים

און אין נאכגעיעג אויף דעם האבן מיליאנען געפונען זייער וועג אנצוקומען אהער דאהי, צו אונז.

ניו יארק האט שטענדיג באדייט דעם פאטענציעל פון א בעסערן לעבן, פאר די וועלכע האבן אימיגרירט דורך עליס איילענד, אנטלויפנדיג פון קנעכטשאפט אין דרום, אדער זיך באזעצט דא אלס פליטים פון אפגאניסטאן.

אונזער סטעיט איז נאציאנאל אנערקענט אלס דעם געבורט-ארט פון באוועגונגען פאר גלייכבארעכטיגקייט און פארשריט, דער לעיבאָר באוועגונג, די פרויען׳ס רעכטן באוועגונג, דער LGBTQ+ באוועגונג, דער ענווייראנמענטאלע באוועגונג, דער ראסע יוסטיץ באוועגונג, די אלע האבן זיך אנגעהויבן דא דורך אויפגעקלערטע ניו יארקער.

מיר ציען צו זיך דאס שענסטע און דאס בעסטע און דאס געוואגסטע. מיר נעמען ארום און פרייען זיך מיט ראסיעלע און מיניגע פארשידנקייט, קולטור און פארוויילונג, וואו דאס איינציג ווארט ׳בראדוועי׳ זאגט עס אלץ.

וואו עס געפונען זיך די אומפארגלייכבארע הערליכקייט פון ניאגארא פאָלס, די אדיראנדעקס, דזשאנס ביעטש, די פינגער לעיקס, ערי קאנאל און דער הודסאן ריווער וואלי

און די פרעכטיגקייט פון דער ניו יארק סיטי סקייליין אויפגעלאכטן ביינאכט פארכאפט דעם אטעם

דאס איז ווער מיר זענען, און מיר שטאלצירן זיך דערמיט, און היטן עס זאלן ווייטער ברענען די פלאמען פון די אמאליגע באוועגונגען. אפטרופסים פון די נאטורליכע אוצרות וועלכע מען האט אונז געגעבן אפצוהיטן און די וויזיאנערן וועלכע וועלן פירן אונזער סטעיט אריין אין דעם צוקונפט מיט קוראזש און קאנפידענץ.

טראץ וואס מיר זענען געוויס נישט גענצליך אן קיין חסרון, זענען אבער ניו יארקער שטענדיג געווען די וועלכע האבן זיך געוואגט צו ריזיקירן, ענטרעפענורס, די אינאווירער, די בויער, די נייע אימיגראנטן, די סטודענטן, די אמת׳ע גלויביגע און די טרוימער, וועלכע האבן געוואוסט אז עס איז פאראן נאר איין איינציג ניו יארק.

מיינע ניו יארקער מיט-בירגער, מיטגלידער פון דעם לעגיסלאטור, עס איז אנגעקומען דער צייט פאר א נייעם אמעריקאנעם טרוים.

א בעסערע, מער יושר׳דיגע, מער ארייננעמיגע ווערסיע וואס איך רוף דער ניו יארקער טרוים.

ווייל ניו יארק איז נישט בלויז אן ארט. אזוי ווי אנדערע סטעיטס, איז עס אויך אן אידעאל.

אזאנס וואס פארנעמט אין זיך באגייסטערונג, שפאנענדע באגייסטערונג, ענערגיע, סענסאציע און ענדלאזע מעגליכקייטן.

אזוי ווי מיר זענען אינספירירט דורך די געשיכטע אונז איבערגעלאזט אלס ירושה דורך די גרויסע ניו יארקער וועלכע האבן געפירט דעם לאנד׳ס סאציעלע יוסטיץ באוועגונגען און די פירער ווי עף-די-אר, וועלכע האבן אונז נאוויגירט דורך א קריזיס מיט א רואיגן און אומוואקלדיגן האנט, אזוי אויך וועט דער היסטאריע צוריק קוקן אויף אונזער צייט.

וויאזוי מיר וועלן אפגעשאצט ווערן וועט באשטימט ווערן לויט וואס מיר טוען אצינד, דאהי.

לאמיר כאפן און אויסניצן דעם מאמענט מיט פיל קאנפידענץ און אפטימיזם.

און שאפן א לעגאט פון דערגרייכונגען וועלכע וועט אנהאלטן אויף דורי דורות, א נייע תקופה פאר ניו יארק.

און זאל גאט בענטשן די מענטשן פון דעם גרויסן סטעיט ניו יארק און פון אונזער לאנד.

א דאנק.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן